דאָס טעפּל

— רבי! איך וויל אײַך פֿרעגן אַ שאלה וויל איך אײַך. איך ווייס ניִשט, צי קענט איר מיך, צי קענט איר מיך ניִשט. איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאַפּניטשקע. איך האַנדל מיט אייער האַנדל איך, מיט עופֿות, מיט גענדז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מײַנע שטענדיקע קונהטעס האָב איך מיר, אַ צוויי־דרײַ הײַזער, האַלטן זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבן געזונט און אַלדאָס גוטס; וואָרעם איך זאָל נאָך דאַרפֿן צאָלן פּריצענט. וואָלט ניִשט געקלעקט די חלה אױף דער „המוציא". כאַפּ איך אַ דרײַערל כאַפּ איך, אַ מאָל דאָ, אַ מאָל דאָרטן, דאָ גענומען, דאָרט געגעבן, דאָרט געגעבן, דאָ גענומען — מע דרייט זיך, משטיינס געזאָגט! אוודאי, וואָס זאָלט איר קלערן, ווען מײַן מאַן עליו־השלום זאָל מיר אַצינד לעבן — טע־טע־טע!... כאָטש אַז מע וויל שמועסן דאָס אײַנגענע צוריק, האָב איך קיין האָניק פֿאַר אים ניִשט געלעקט, וואָרעם קיין פֿאַרדינער, זאָל ער מיר מוחל זײַן, איז ער דאָך ניִשט געווען, נאָרגענעסן און געלערנט, גענעסן און געלערנט, און געהאָרעוועט האָב אַ י ך , און האָרעווען בין איך געוווינט נאָך פֿון קינדווײַז אויף, נאָך בײַ מײַן מאַמען עליה־השלום, בתיה האָט זי געהייסן, בתיה די ליכטציִערן, זי איז געווען אַ ליכטציִערן, פֿלעגט אויפֿקויפֿן חלב בײַ די קצבים און ציִען ליכט, חלבנע צעפּלעך, מע האָט נאָך ניִשט געוווּסט דעמאָלט פֿון קיין גאַז און פֿון קיין לעמפּלעך מיט גלעזלעך, וואָס טרישטשען אַלע מאָל, ערשט יענע וואָך געפּלאַצט בײַ מיר אַ גלעזל, און פֿאַר צוויי וואָכן אַ גלעזל...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו ריידן? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: יונג געשטאָרבן... אַז מײַן משה־בנציון עליו־השלום איז געשטאָרבן, איז ער אַלט געווען סך־הכל זעקס און צוואַנציק יאָר. האָ? נאָך אַ מאָל: ווי אַזוי זעקס און צוואַנציק? נײַנצן איז ער אַלט געווען צו דער חתונה, אַ יאָר אַכט איז פֿאַראַן אַז ער איז געשטאָרבן, איז אײַנאײַנעם נײַנצן און אַכט — אַפּנים, אַזוי גרויס ווי דרײַ און צוואַנציק. פֿאַר וואָס־זשע איז בײַ מיר אויסגעקומען זעקס און צוואַנציק? ווײַל איך האָב פֿאַרגעסן די זיבן יאָר, וואָס ער האָט געקרענקט. דאָס הייסט, קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מער, ער איז געווען פֿון תמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער אַפֿילו געווען אַ געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט אים אָוועקגעליינגט! ער פֿלעגט, ישט פֿאַר אײַך געדאַכט, שטענדיק הוסטן, דאָס הייסט, ניִשט שטענדיק נאָר דעמאָלט, ווען דער הוסט איז אָנגעקומען, פֿלעגט ער זיך פֿאַרהוסטן, און אַז ער האָט זיך פֿאַרהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט און געהוסט... די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז בײַ אים אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הייסט, אַזעלכעס, וואָס אַז מען וויל הוסטן, הוסט מען, און אַז מע וויל ניט הוסטן, הוסט מען ניט. שטראָם־גראָם, מאַך מיר אַ האָרמידער! ציגן זאָלן אַזוי וויסן אין פֿרעמדע גערטנער שפּרינגען, ווי זיי ווייסן, די דאָקטוירים הייסט דאָס, וואָס ס'האָט זיי געשלייערט!... אָט האָט איר רב אהרן דעם שוחטס ייִנגל, יאָקל הייסט ער, עס האָט אים ווי געטאָן אַ צאָן האָט אים ווי געטאָן, האָט מען אים געטאָן אַלצדינג, געשפּראָכן און געשטאָכן, און געזען, אַז עס העלפֿט ניִשט. גייט ער, יאָקל הייסט דאָס, און ליינט־אַרײַן אַ קנאָבל אין אויער אַרײַן, — מע זאָגט, אַז ס'איז אַ רפֿואה קנאָבל צו ציין־ווייטיק — האָט ער זיך געריסן אױף די גלײַכע ווענט, יאָקל הייסט דאָס, און פֿונעם קנאָבל זאָגט ער ניִשט אויס. קומט דער דאָקטער און טאַפּט אים באַם דופּק. וואָס טאַפּסטו אים באַם דופּק, דו נאַרישער לעקיש?... אוודאי, מע זאָל אים, יאָקלען הייסט דאָס, ניִשט געווען אָפּפֿירן קיין יעהופּעץ, וואָלט ער שוין איצטער אָנגעשפּאַרט, ווייסט איר וווּ? דאָרטן, וווּ די שוועסטער זײַנע, פּערל נעבעך, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פֿון אַ גוט אויג, נים פֿאַר אײַך געדאַכט, אין קימפּעט...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו ריידן? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אַן אַלמנה... איך בין געבליבן אַן אַלמנה, נים דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגט הייסט דאָס, מיט אַ קליין קינד און מיט אַ האַלבער שטוב אױף די „סבצניוועס", די אַנדערע פֿון לייזער דעם סטאָליערס דירה, אויב איר ווייסט; ניִשט ווײַט פֿון דער באָד. וועט איר דאָך פֿרעגן, וואָס עפּעס אַ האַלבע שטוב נאָר? מחמת די אַנדערע האַלבע איז ניִשט מײַנע; זי געהערט צו מײַן שוואָגער געהערט זי, עזריאל הייסט ער, איר קענט אים, אַליין איז ער אַ וועסעלעקוטער, פֿון וועסעלעקוט, אַ שטעטל אַזעלכעס, און האַנדלען האַנדלט ער מיט פֿיש, און פֿאַרדינט, קיין עין־הרע, זייער שיין, עס ווענדט זיך ווי דער טײַך האַלט: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע כאַפּט זיך פֿיש, איז וואָלוול פֿיש; איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך ניִשט קיין פֿיש, און ס'איז טײַער פֿיש. נאָר גלײַכער איז, אַז עס כאַפּט זיך און ס'איז וואָלוול... אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס, פֿרעג איך אים: „וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע כאַפּט זיך פֿיש, איז וואָלוול פֿיש; איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך ניִשט קיין פֿיש, און ס'איז טײַער פֿיש. נאָר גלײַכער איז, אַז עס כאַפּט זיך און ס'איז וואָלוול"... זאָג איך: „יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע כאַפּט זיך פֿיש, איז וואָלוול פֿיש..." „טפֿו זאָלסטו ווערן! — זאָג איך צו אים, — גיי טענה מיט אַ גראָבן יונג"...

The Pot

RABBI! A QUESTION'S what I want to ask you. I don't know if you know me or if you don't know me. Yente's who I am, Yente the dairy-vender. I deal in eggs, see, and also geese, hens, and ducks. I have my steady customers, two-three households—may God give them health and long life, because if they didn't support me, I couldn't buy the bread to make a prayer over. I manage, see—grab a groschen here, grab a groschen there, sometimes here, sometimes there, give a little, take a little—manage, if you can call it that. Of course, if my husband (may he rest in peace) was with me now, in the flesh—*well!* . . . Though to tell the truth, life with him was not what you'd call milk and honey. A wage earner (you should pardon the expression) he wasn't. He'd just sit and study, sit and study, while I slaved away. That's what I'm used to, slaving away—ever since I was a child in my mother's house (may she rest in peace). Batya was her name, see—Batya the candle-fitter. She'd buy up tallow from the butchers and braid the candles. Who'd heard then about gas? Or about lamps with glass tops, that drip all the time? Just last week a glass top of mine burst, and two weeks before that . . .

Now, what were we saying? Yes, you said, *died young* . . . . When my Moishe Ben Zion died (may he rest in peace), he was all of twenty-six years old. Huh? Twenty-six? Let's try that again. Nineteen he was at our wedding; eight years it's been since he died; that makes it, altogether, nineteen and eight . . . Seems it's as much as twenty-three! So how did I get twenty-six? Because I forgot about those seven years he was sick. Though as for being sick, he was sick much longer than that. He was always sickly. I mean, he was really *healthy*, except for that cough. It was the cough, see, that did him in. He was always coughing (may it never happen to you, Rabbi). Not *always*, of course, but at times when the cough got into him he'd start coughing, and once he'd start, he'd cough and cough and cough. The doctors said he had some kind of "spasm"—that is, the kind that if you want to cough, you cough, and if you don't want, you don't. One-two skidoo! Fiddlesticks! Goats should know as much about getting into strange gardens as they know (the doctors, I mean) about what's going on. Take Reb Aaron, the *shochet's* boy, Yockel they call him. He had a toothache, see, and they tried everything, from soup to nuts, but nothing helped. So he went and put garlic in his ear (Yockel, that is). He'd heard that garlic's a cure for toothaches. Well, there he was climbing the walls, and he kept the garlic a secret. So the doctor came and took his pulse. Why his pulse, you idiot? Anyway, if they hadn't carried him off (Yockel, that is) to Yehupetz, do you know where he'd be by now? *There*, with his sister Pearl. Poor thing, her luck left her (God forbid it should happen to you, Rabbi) in childbirth . . .

But what we were saying? Yes, you said, *a widow* . . . I became a widow (may it never happen in this house) when I was still young, a girl you might say, with a small child, and half a house on Pauper's Street, the other half of Lazer the carpenter's place. Do you know it? It's not far from the bathhouse. But you're wondering, aren't you, why only half a house? Actually it's not mine. It belongs to my brother-in-law; Ezriel's his name. You must know him—he's from Vesselikut, some sort of town somewhere, and as for a living, he makes a living from fish, quite a good living, depending on what the river's like. If it's calm outside, fish get caught, and if fish get caught, then the price is cheap. When the wind's out, fish don't get caught, and then the price is high. But things go better if fish get caught. That's what he says, Ezriel I mean. So I asked him, "Where's the logic?" So he said, "The logic is simple logic. If it's calm outside, fish get caught, and if fish get caught, then the price is cheap. When the wind's out, fish don't get caught, and then the price is high. But things go better if fish get caught." So I said to him, "Yes, but where's the *logic?*" So he said, "Simple. If it's calm outside, fish get caught, and if fish get caught, then the price is cheap." "Phooey on you!" I said to him. Go and reason with a clod! . . .

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אַן אייגענע דירה... אוודאי איז גלײַכער איין ווינקעלע אַן אייגנס, איידער שלעפּן זיך אין שכנות. ווי זאָגט איר: „מײַנס איז נישט יענעמס!“... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מײַן האַלבע שטוב, אַ שטיקל נחלה, נישט צו פאַרזינדיקן. נאָר איך בעט אײַך, צו וואָס באַדאַרף אַן אַלמנה, משטײנס געזאָגט, מיט איין־און־איינציק קינד אַ גאַנצע האַלבע שטוב? פאַראַן וווּ דעם קאָפּ אײַנדערלייגן — גענוג! ובפרט, אַז מע באַדאַרף זי דעקן, די שטוב, זי שטייט שוין היפּשע עטלעכע יאָר נישט געדעקט שטייט זי; דעקומשעט ער מיר, דער זיסער שוואָגער מײַנער, עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקן!... „צײַט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקן!“ „נו, זאָג איך, למאַי־זשע דעקט מען זי נישט?“ זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקן“... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקן“... דעקן־דעקן, רעקן־דעקן — און דערבײַ בלײַבט דאָס. וואָרעם אַף דעקן באַדאַרף מען שטרוי, פון שינדל שמועסט מען נישט, וווּ האָב איך אַף שינדל? פאַרדינג איך צוויי חדרים פאַרדינג איך. אין איין חדרל זיצט בײַ מיר חיים־חנה דער טויבער, אַן אַלטער מאַן, שוין עובר־בטל. די קינדער צאָלן מיר פאַר אים פינף גילדן אַ וואָך דירה־געלט, און עסן עסט ער בײַ זיי, אַ טאָג איבער אַ טאָג, דאָס הייסט, אַ טאָג עסט ער און אַ טאָג פאַסט ער, און דעם טאָג, וואָס ער עסט, עסט ער אויך מכות. אַזוי זאָגט ער, חיים־חנה דער טויבער. און אפשר איז דאָס אַ ליגן אפשר? אַלטע לײַט האָבן ליב וואָרטשען; וויפל מען גיט זיי, איז ווינציק, וווּ מע זעצט זיי, איז שלעכט, און וווּ מע ליגט זיי, איז האַרט...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: שכנים... קיין גוטער ייִד זאָל זיי נישט קענען! מילא יענער, דער טויבער, איז אַ טויבער, כאָטש אַ שטילער שכן, ווי זאָגט איר: מע הערט אים נישט און מע זעט אים נישט... האָט מיך אָבער דער גוטער יאָר געטראָגן, איך זאָל דעם אַנדערן חדר פאַרדינגען דער מיטניטשקע, גנעסע הייסט זי. זי האַלט אַ קלייטל פון מעל האַלט זי. אַ גוטע שטוקע!... תחילת, איר זאָלט זען, איז זי געווען ווייך, ווי אַ האָניקטייגל, קוצעניר־מוצעניו, נשמהניו, האַרצעניו, זי וועט מיר דאָס, זי וועט מיר יענס... וואָס באַדאַרפט זי דען, משטיינס געזאָגט? אַ שטיקל אויוון אַף צושטעלן דאָס טעפּל, אַן עק בענקל אַף אויסזאַלצן דאָס שטיקל פלייש איין מאָל אין וואָך, און אַ ברעג טישל אַף אויסקאַטשען אַ בלעטל לאָקשן איין מאָל אין אַ יובל... „און די קינדער, זאָג איך, וווּ וועט איר אַהינטאָן די קינדער אײַערע וווּ? איר האָט דאָך, גנעסע, זאָלן געזונט זײַן, קליינע קינדער האָט איר דאָך!“... „ווייס איך, זאָגט זי, וואָס איר רעדט, יענטע־לעבן! איר ווייסט דען, וואָס דאָס איז פאַר קינדער? בריליאַנטן, נישט קיין קינדער! זומער־לעבן וואַלגערן זיי זיך אין דרויסן אַ גאַנצן טאָג, און ווינטער פאַרקלײַבט מען זיך אַפן אויוון, ווי די שעפּעלעך, און מע הערט נישט פון זיי קיין פּיפּס. איין חסרון נאָר, וואָס זיי דאַרפן, קיין עין־הרע, אַ סך, האָבן ליב קײַען, פּיסקערס, קיין עין־הרע“... נו־נו! אוודאי האָב איך מיר געקויפט אַן אומגליק אַף מײַנע שונאים קעפּ! מילא קינדערלעך — איינס און איינס, איבערגעוואַקסענע, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, אַ שטיקל ברויט איז פאַר זיי נישט אויפצוזעסן! טאָג ווי נאַכט איז בײַ זיי הו־האַ! מע שרײַט און מע קוויטשעט, מע הרגעט זיך און מע שלאָגט זיך — אַ גיהנום! וואָס זאָג איך אַ גיהנום? דער גיהנום, זאָג איך אײַך, איז נאָלד!... נאָר מיינט נישט, אַז איר זײַט פאַרטיק. דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, וואָרעם אַ קינד קאָן מען אײַנשטילן: אַ זעץ, אַ פּאַטש, אַ קניפּ — פּאָרט אַ קינד! האָט איר נאָך געגעבן אַ מאַן, עוזר הייסט ער; איר מוזט אים קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטערשטן קלײַזל, נעבעך אַ כשרער ייִד און, דאַכט זיך, נאָר נישט אַזאַ גרויסער נאַר אויך; זאָלט איר הערן, ווי זי באַגראַבט אים, גנעסע הייסט דאָס: עוזר, אַהין! עוזר, אַהער! עוזר, דאָס! עוזר, יענס! עוזר־עוזר! עוזר־עוזר!... און ער — אָדער ער זאָגט־אָפּ אַ ווערטל (ער איז נאָך אַ ווערטל־זאָגער צו די צרות), אָדער ער רוקט־אָן דאָס היטל און גייט אַוועק... ס'איז נאָר, זאָג איך אײַך, אַ הצלחה און גענוג!...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלײַך! לאָז מיר דאָס דער רבונו־של־עולם נישט פאַררעכענען פאַר קיין לשון־הרע; איך דאַרף אַף איר, וואָס איז שײַך, קיין שלעכטס נישט ריידן. וואָס האָב איך צו איר? זי איז אַ ייִדענע, וואָס האָט ליב געבן אַן אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט. נאָר דער גוטער יאָר זאָל זי ווייסן: אַז עס קומט איר אָן די מאַנקאָליע — זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! ס'איז אַ בזיון צו דערציילן: קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס געוויס נישט געזאָגט, נאָר בײַ אײַך, ווייס איך, וועט דאָס זײַן אַ סוד... ששש... זי פּאַטשט אים אונטער... דעם מאַן, הייסט דאָס... אַז קיינער זעט נישט... „אױ, זאָג איך צו איר, גנעסע, גנעסע! ווי האָט איר קיין מורא נישט פאַר גאָט? פאַר גאָט ווי האָט איר קיין מורא נישט?“.. זאָגט זי: „ס'איז נישט אײַער באָבעס דאגה“... זאָג איך: „אַ שיינע ריינע כפּרה“... זאָגט זי: „לאָז דער זײַן די כפּרה, ווער עס קוקט אַרײַן אין יענעמס טעפּל“... זאָג איך: „לאָז דעם אַרויס די אויגן, ווער עס האָט קיין בעסערס נישט געזען“... זאָגט זי: „לאָז דעם פּאַרליינן, ווער עס הערט זיך צו“... וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ פּיסקאַטע?...

What were we saying, now? Yes, you said, *your own house* . . . . Naturally it's better to have a little corner of your own. "What's mine is mine," as they say, "and not anyone else's." So I have my bit of what's mine, my half a house. I can't complain. But I ask you, why does a poor widow with a one-and-only child need all of half a house? A place to lay my head, that's plenty! Especially when the place needs a roof—it's been years since the house had a decent roof on it. He kept pestering me, my sweet brother-in-law (Ezriel, I mean), that the house needs to be covered by a roof! "It's time," he said, "for it to be covered!" "So cover it," I said. So he said, "Let's cover it!" "Right," I said. "Let's cover it." Cover-cover, cover-shmover—that's how things remained. Because for a roof you need straw, not to mention shingles. Where could I get the money? Well, I rented out two rooms, see. One little room to Chaim Chono, an old man, deaf and already senile. His children pay me five gulden a week for rent, and he eats at their place every second day. That is, one day he eats and one day he fasts. And on the day that he eats, he eats boils and scabs. That's what he says (Chaim Chono, I mean), and maybe it's a lie—maybe old people grumble, you know. No matter how much you give them, it's not enough; wherever you sit them down, the chair's too hard; whatever you do for them, it's the wrong thing. . .

Now, what were we saying? Yes, you said, *boarders* . . . No decent Jew should have to trouble with them! Still, Chaim Chono's deaf, a quiet boarder. As they say, "never seen, never heard." But it was my luck to rent out the other room to Gnessi. She's a flour dealer, see—has a stall for flour. Some piece of goods! But you should have seen her at the start: soft as honey-pie, all sweetness and light, couldn't do enough for me. Butter wouldn't melt in her mouth. What did *she* need, after all? A corner of the oven to heat her pot, that's all; the edge of the board once a week, maybe, to salt her scrap of meat; an inch or two of the table, once in a blue moon, for rolling her strip of noodle dough. "And the children?" I asked her. "Where will you put your children, where? Gnessi, I know you have children, they should be well." So she said, "What are you talking about, Yente darling? Do you know what kind of children they are? *Children!* They're diamonds, not children! Summer, they roam outside all day long. Winter, they climb up on a shelf over the oven, like sweet lambs. You won't hear a peep from them."

A pretty kettle of fish I got myself into—may it happen to all my enemies! Some children! God forgive me for my words, but one brat's worse than the other! A piece of bread isn't enough for them! Day and night they're at it. They scream, they tear and claw, they murder each other. It's hell! What am I saying, *hell*? Hell's paradise, I tell you, compared to them! And that's not all. In fact, that's not even the problem. Children you can deal with. A whack, a pinch, a smack—after all, they're children! But God sent her a husband. Oyzer's his name. I'm sure you know him, he's the assistant *shammes* in the lower prayer-house. A kosher Jew, poor thing, and no fool either, it seems; but you should hear how she lets him have it, Gnessi I mean. Oyzer, here! Oyzer, there! Oyzer, this! Oyzer, that! Oyzer-Oyzer! And him, either he makes some wisecrack (he's a smart aleck too, on top of everything else), or else he grabs his hat and goes off. I tell you, it's a great success, that marriage—a real winner and that's all! . . .

What were we saying? Yes, you said, *bad neighbors* . . . Bad isn't the word! I hope God Almighty won't think I have an evil tongue. Anyway, *I* don't have to be the one to spread rumors. What do I have against her? She's a woman who likes to give bread to the poor. But who can figure her out? When she gets into one of her moods, God help and defend us all! It's a shame to talk of it—I wouldn't say it to anyone else, but with you, I know, it'll stay a secret. . . . *Shh* . . . . She beats him up—her husband, I mean, when no one's looking! "Oy!" I said to her, "Gnessi, Gnessi! Aren't you afraid of God? Of God, Gnessi, you're not afraid?" So she said, "Go bother your grandmother." So I said, "The devil take it!" So she said, "Whoever keeps an eye on someone else's pot, let that person be the scapegoat!" So I said, "Whoever has nothing better to watch than *that* pot, should have his eyes taken out." So she said, "May every eavesdropper drop dead!" What do you say, Rabbi, to such a big mouth? . . .

— יא, אקענן וואס־זשע איז דאס געקומען צו רייד? אקענן דעם, וואס איר זאגט: איך האב ליב ריין... למאי זאל איך לייקענען? וואס קומט מיר דערפאר? קאן זי אפשר נישט ליידן, גנעסע חייסט דאס, למאי בא מיר איז ריין, בא מיר איז שיין, בא מיר איז ציכטיק, בא מיר איז ליכטיק. און בא איר? איר זאלט זען — תמיד חושך, שטענדיק פינצ־טער, פארטיאפעט און פארשליאפעט ביז האלדז, די פאמוניצע פול ווי אן אויג — טפו!... קומט דער פרימארגן — איז חימל עפן זיך! ס'איז דען קינדער? שדים, נישט קיין קינדער! פונקט ווי מיין דווידל, לחבדיל באלף הבדלות! ווארעם מיין דווידל זאל געזונט זיין איז דאך א גאנצן טאג אין חדר איז ער, און קומט באנאכט, נעמט ער זיך צו דער אר־בעט: אדער ער דאוונט, אדער ער לערנט, אדער ער קוקט אזוי ארײַן אין א ספר קוקט ער. און אירע קינדערלעך — גאט זאל נישט שטראפן

פאר די רייד! אדער סע עסט, אדער סע וויינט, אדער סע שלאגט זיך קאפ אן וואנט... איר פארשטייט? בין איך שולדיק, אז גאט האט זי געבענטשט מיט אזא כאליאסטרע פון סאווגלעס און פון גאנצעס, און מיר האט ער געשענקט אזא מתנה, א שטיק גאלד, א בריליאנט, עס זאל מיר נאר נישט פארשטערט ווערן, רבונו־של־עולם, ווארעם ער קאסט מיך גענוג טרערן קאסט ער מיך! קוקט נישט, וואס איך בין א ייִדענע! א מאנצ־ביל אף מיין ארט וואלט דאס געוויס נישט איבערגעטראגן! עס זאל אייך צו קיין חרפה נישט זיין. פאראן מאנצבילן אזעלכע, וואס זיינען טויזנט מאל ערגער פון ווייבער זיינען זיי; אז סע קוועטשט זיי צו עפעס א זאך, ווייסן זיי נישט, וו זיי זיינען אין דער וועלט... וואס דארפט איר א סך ראיות? אט נעמט, למשל, יאסע משה־אברהמס: כל־זמן פרומע־נעכע האט אים געלעבט, האט ער זיך געהאלטן, און אז זי איז, נישט דא גע־דאכט, געשטארבן, האט ער אפגעלאזט הענט און פיס און לייב און לעבן... „רב יאסע, זאג איך צו אים, גאט איז מיט אייך! מילא, אז סע שטארבט א ווייב, וואס זאל מען טאן? ס'איז א גאטס זאך!"... ה' לקח ה' נתן, ווי אזוי שטייט דארט געשריבן בא אונדז אין די הייליקע ספרים? אייך באדארף מען נישט דערציילן, מסתמא ווייסט איר בעסער...

— יא, אקענן וואס־זשע איז דאס געקומען צו רייד? אקענן דעם, וואס איר זאגט: א בן־יחיד... ער איז בא מיר איין־און־איינציקער, ווי זאגט איר: איין אויג אין קאפ, דווידל הייסט עס. איר קענט אים נישט? ער הייסט נאך מיין שווער דוויד־הערש הייסט ער. איר זאלט אים זען — אינגאנצן דער פאטער, אים צו לענגערע יאר, אינגאנצן משה־בנציון, אפילו די וווקס די איינענע, און דאס פנים — ווי בא אים, עליו השלום: געל, אויסגעדארט, אויסגעדיוועט, הויט און ביינער, און שוואך, שוואך, אויסגעמוטשעט נעבעך מונעם חדר, פון דער גמרא... „אבער גענוג דיר, זאג איך צו אים, גענוג דיר, זונעניו, רו זיך אפ א ביסל, זע וואס פאר א פנים דו האסט, נעם עפעס אין מויל ארײַן, זאג איך, עס עפעס, טרינק עפעס, נא דיר א גלעזל ציקאריע נא דיר!"... „ציקאריע, זאגט ער, טרינק בעסער אליין, מאמע; דו הארעוועסט, זאגט ער, איבערן כח. איך וואלט דיר בעסער געהאלפן, זאגט ער, טראגן דעם קאשעק פונעם מארק"... „ס'א משל! — זאג איך, — וואס רעדסטו וואס? דו ווייסט, וואס דו רעדסט? וואס הייסט, דו וועסט טראגן קאשעקעס? נישט דערלעבן וועלן דאס מיינע שונאים, איך האב גענוג שונאים! דו באדארפסט, זאג איך, לערנען, זיצן

און לערנען!"... און בשעת מעשה קוק איך אף אים, אף מיין דווידלען הייסט דאס, — אינגאנצן ער, עליו־השלום, אפילו מיטן הוסט, פארפינצ־טערט און פארוויסט בין איך געווארן! יעדער הוסט, וואס ער טוט, רייסט מיר אויס א שטיק הארץ! ווארעם איידער איך האב אים דערלעבט צו זען א שטיקל מענטש, זיינען מיר גוט די אויגן ארויסגעקראכן! אז בכל־הכל, דארפט איר וויסן, האט זיך גאר קיינעם נישט געגלויבט, אז דאס קינד זאל בלייבן לעבן זאל דאס, ווארעם וו ערגעץ א שלאק, א צרה, א חולאת — איז דאס געווען בא אים: מאמער ווילט איר מאזלען — איז מאזלען, פאקן — איז פאקן, און דיפטעריטן, און שקארלאטינעס, און זאווּעלקעס, און זוביטשעס, און וואס ניט?... די נעכט, וואס איך בין אויסגעזעסן איבער אים, זאל מיר גאט נישט רעכענען; אפנים, אז די טרערן מיינע, און א ביסל טאטע זכות־אבות האבן זיך ארײַנגעמישט, און איך האב קוים־קוים דערלעבט די בר־מצווה זיינע! מיינט איר דאך, אז ס'איז אן עק? הערט־זשע אויס אן אנטיק: באדארף ער נים ביין איינ־מאל באנאכט, ווינטער איז דאס געווען, פונעם חדר, און באגעגנען עפעס איינעם אנגעטאן אין גאלע ווייסן און פאטשן מיט ביידע הענט?... אוודאי האט זיך נעבעך דאס קינד איבערגעשראקן אף טויט און איז אנידערגעפאלן חלשות אפן שניי, און מע האט אים געבראכט אהיים א טויטן האט מען אים געבראכט, קוים־קוים אפגעמינטערט; און אז מע האט אים אפגעמינטערט, האט ער זיך ערשט דעמאלט אנידערגעלייגט, א ווייטיק איז דער מאמע זיינער, און איז אפגעלעגן אין א העליש פייער אזוי גרויס אזוי קליין, ווי זעקס וואכן!... ווי אזוי איך האב איבערגע־לעבט אט דאס שטיקל צייט — איז מאמע נאר א נס מן השמים! וואס האב איך דעמאלט נישט איבערגעטאן? געגעבן נדרים, פארקויפט אים און צוריק אויסגעקויפט, צוגעזעצט אים נאך א נאמען (חיים־דוויד־הערש), און טרערן — טרערן, ווער רעדט פון טרערן? „גאטעניו, האב איך גע־טענהט צום רבונו־של־עולם, ווילסט מיך שטראפן? שטראף מיך מיט

But what were we saying? Yes, you said, *I like things clean*. . . . Why should I deny it? I really do like it to be clean in every nook and corner. How does that make me guilty? Maybe it's just that she can't stand it (Gnessi, I mean) that my place is clean, my place is nice and tidy, my place is bright. And by her? You should see—chaos and darkness, everything topsy-turvy, like a hurricane hit it. The chamber pot's always full—up to your neck, Rabbi. Up to your eyes! Phooh! Comes morning, it's thunder and lightning! Call those children? Demons, not children! Just like my Dovidel—as black to white! Because my Dovidel, he should be well, he's in *cheder* all day, see, and as soon as he comes home at night he gets to work: either he prays, see, or else he studies, or else he looks through some book or other. And *her* children—God shouldn't punish me for these words, but if it's not eating, it's crying, or it's banging their heads against the wall. You understand me, Rabbi? Is it my fault that God blessed her with such brats, terrors of the earth, and that me He

gave such a gift, a piece of gold, a jewel, he shouldn't be taken from me (my Dovidel, I mean), because he costs me enough tears, see! Don't think it's that I'm just a woman! A man in my place couldn't bear it! Don't be insulted, Rabbi, but some men, see, are a thousand times worse than women. If they feel the pinch, they don't know if they're coming or going. Do you need examples? Here, take Yosi, Moishe-Avram's boy. As long as Frumme-Neche was alive, he managed; and when she died (may it never happen in this house), he just let go and gave up, body and soul. "Reb Yosi," I said to him, "God help you! All right, your wife died. What's there to do? That's God's business. The Lord gives and the Lord takes away—how's it written there in our Holy Scriptures? You don't have to be told, do you, Rabbi? You probably know it all. . . ."

Now, what were we saying? Yes, you said, *an only son* . . . He's my one and only, as they say—the apple of my eye, Dovidel I mean. You don't know him? He's named after my father-in-law, see, Dovid Hirsch. You should see him, my Dovidel (may he live a long life)—the image of his father, exactly Moishe Ben Zion, even the same height. And that face! Just like *his* (may he rest in peace)—yellowish, exhausted, skin-and-bones, and *weak*, weak and worn out, poor thing, from studying, from the *Gemara*. "Enough is enough," I said to him; "my sweet son, rest a little. Just look at your face, will you! Here, take something to eat, drink something. Have this glass of chicory. Here, take it!" "The chicory," he said, "*you'd* better drink, mother. You work beyond your strength," he said. "I'd do better to help you carry the parcels from market." What an idea! "Do you know what you're talking about?" I said. "What do you mean, you'll carry parcels? My enemies won't live to see the day, and I have plenty of enemies! You have to study," I said, "so study already! Sit and study."

And meanwhile I can't keep my eyes off him, Dovidel I mean. Just like *him* (may he rest in peace). Even the cough's the same, woe is me. Woe and desolation! Every time he coughs it tears my heart out. Because, you know, it almost did me in just to get him to grow up. To begin with, no one believed the child would live (may he live a long life): Whatever the sickness, the plague, the disease, him it hit. If it's measles you want, *he's* got it. You'd like chicken pox? He's got chicken pox. Diphtheria or the measles? He has it. Scarlet fever, the mumps, whooping cough? Why not? *What* not? How many nights I spent at his bedside only God can count. It seems, though, that my tears did the trick (and maybe also his father's spirit, a bit), because I did live to see his *bar mitzvah*, after all.

You think that's that, don't you? Well, listen to this gem. One night, wouldn't you know, he was coming home from *cheder*, it was winter, and he met something, someone, dressed all in white and beating the air with both hands. Naturally the child was scared to death. Poor thing, he fell in a faint on the snow, and they brought him to me half-dead, see, just barely alive. And when he came to, then he really collapsed. Lay there burning with fever for no more or less than six weeks! How I survived is a miracle from heaven. What didn't I do? I made deals with all the angels! I bargained for him a hundred times over, and pulled him back out of the jaws of death! I even tagged another name on him: Chaim, for *life*—Chaim Dovid Hirsch. And tears . . . *tears!* What's the point of talking about tears? "Dear God," I said, arguing my case with the Almighty. "You want to punish me? Punish! Any way you like, but my child, see, you mustn't take from me!"

וואָס דו ווילסט, נאָר מײַן קינד זאָלסטו בא מיר ניט צונעמען זאָלסטו ניט!"... און אַז גאָט האָט מיר געשענקט די מתּנה, ער איז געזונט געוואָרן, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע? איך קאָן דיר אָפּגעבן אַ גרוס פֿונעם טאַטן. דער טאַטע איז בא מיר געווען צו גאַסט"... דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז מיר שיר די נשמה אַרויס, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... „לאָז ער זיך מיִען, זאָג איך. אַ סימן,

אַז דו וועסט, אם ירצה השם, לאַנג לעבן און זײַן געזונט"... אַזוי זאָג איך אים, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... ערשט אָפּשפּעט, אין אַ צײַט אַרום, ווער איך געוואָר, אַז דער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין ווײַסן און געפּאַטשט מיט די הענט, ווייסט איר, ווער דאָס איז געווען? אַנו, טרעפֿט, רבי, איר זײַט דאָך אַ חכם! — רב ליפּאַ איז דאָס געווען, ליפּאַ דער וואַסערפֿירער! ער האָט זיך יענעם טאָג, פֿאַרשטייט איר מיך, געקויפֿט אַ נײַעם פּעלץ אַ ווײַסן, און מחמת דער פֿראָסט האָט געברענט, האָט ער זיך געוואָלט אַ ביסל דערוואַרעמען, האָט ער געפּאַטשט אַ האַנט אָן אַ האַנט — מײַנע צרות אױף זײַן קאָפּ! האָט איר געהערט אַ השגה, אַ ייִד זאָל זיך אָנטאָן אין אַ ווײַסן פּעלץ נאָר אין מיטן דרינען?...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו ריידן? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: געזונט... געזונט — דאָס איז דער עיקר. אַזוי זאָגט דער דאָקטער אונדזערער און הייסט מיר, איך זאָל אים פּילנוועען און זאָל איך אים, קאָכן יאָיכלעך, אַלע טאָג אַ יאָיכל, זאָגט ער, כאָטש פֿון אַ פֿערטל עוף, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספֿירן, האָדעווען אים, זאָגט ער, מיט מילך און מיט פּוטער און מיט טשעקאָלאַד, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספֿירן... אַ שיינער משל — אויב איך קאָן אויספֿירן? אַפּנים, ס'איז דען פֿאַראַן איין זאַך אױף דער וועלט, וואָס איך זאָל פֿון דווידלס וועגן ניט קאָנען אויספֿירן? ס'איז עפּעס אַ תּירוץ? און אַז מע זאָל מיר זאָגן, אַשטייגער, כּדומה למשל: גיי, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלץ, טראָג וואַסער, קנעט ליים, באַגנבֿע אַ קלויסטער, אַבי פֿון דווידלס וועגן — איז אַפֿילו אין מיטן האַלבע נאַכט אינעם גרעסטן פֿראָסט! אָט האָט זיך אים פֿאַרוואָלט הײַנטיקן זומער ביכלעך אָזעלכע, ספֿרים מסתּמא, וואָס איך האָב זיי ניט, און מחמת איך גיי אַרײַן אין די גרעסטע הײַזער גיי איך, האָט ער מיך געבעטן, טאָמער קאָן איך אים קריגן די דאָזיקע ביכלעך, צי די ספֿרים, און האָט מיר פֿאַרשריבן אױף פּאַפּיר האָט ער מיר. קום איך צו גיין און באַווײַז דאָס פּאַפּיר און בעט בא זיי די ביכלעך, צי די ספֿרים, איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל. לאַכן זיי פֿון מיר: „צו וואָס טויג אײַך, יענטע, אָזעלכע ביכער? איר האָדעוועט מיט זיי די עופֿות, די גענדז מיט די קאַטשקעס?"... „לאַכט, לאַכט, טראַכט איך מיר, אַבי מײַן דווידל וועט האָבן אין וואָס אַרײַנצוקוקן וועט ער האָבן"... גאַנצע נעכט, גאַנצע נעכט קוקט ער אַרײַן אין די דאָזיקע ביכלעך, צי די ספֿרים, און בעט מיך, איך זאָל אים ברענגען נאָך און נאָך. וועל איך אים זשאַלעווען? טראָג איך אָפּ די און נעם נאָך... קומט צו גיין אַ חכם אַ דאָקטער און פֿרעגט מיך, צי קאָן איך אויספֿירן פֿון זײַנעטוועגן אַלע טאָג אַ יאָיכל כאָטש פֿון אַ פֿערטל עוף? און פֿון דרײַ פֿערטל עוף, אַז מע באַדאַרף, וועל איך קוקן אױף דרך־ארץ? פֿון וואַנען נעמט זיך, פֿרעג איך אײַך, אָזעלכע דאָקטוירים אױף דער וועלט? ווו וואַקסן זיי אויס? אױף וועלכע הייוון ראַשטשינעט מען זיי און אױף וואָסער אויוון באַקט מען זיי?...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו ריידן? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: יאָיכלעך... שטעל איך אים צו אַלע טאָג אַ יאָיכל פֿון אַ פֿערטל עוף, און פֿאַרנאַכט, אַז ער קומט צו גיין פֿונעם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אַוועק אַקעגן מיט אַן אַרבעט אין דער האַנט און ווער גרעבער ווי לענגער ווער איך, און איך בעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפֿן, איך זאָל אים מאָרגן, אם־ירצה־השם, ווידער קאָנען צושטעלן אַ יאָיכל פֿון אַ פֿערטל עוף... „מאַמע, זאָגט ער מיר, פֿאַר וואָס עסטו נישט מיט מיר?" „עס געזונט, זאָג איך, איך האָב שוין אָפּגעגעסן"... „וואָס האָסטו געגעסן?" זאָגט ער. „וואָס איך האָב געגעסן, זאָג איך, האָב איך געגעסן, אַבי איך האָב שוין געגעסן. עס געזונט!" און אַז ער לערנט־אָפּ די ביכלעך, צי די ספֿרים, נעם איך ערשט דערמאָלט אַרויס פֿונעם אויוון אַ פּאָר געבאַקענע קאַרטאָפֿל נעם איך, אָדער איך רײַב אָן אַ שטיקל ברויט מיט ציבעלע רײַב איך, און מאַך מיר אַ סעודה... און איך שווער אײַך באמונות, איך זאָל אַזוי דערלעבן אָן אים נחת מיט אַלדאָס גוטס, אַז איך האָב הנאה פֿון דער דאָזיקער ציבעלע אַ סך מער, ווי פֿון דעם שענסטן געבראָטנס, ווי פֿון דער בעסטער יויך, ווארעם איך דערמאָן מיך, אַז דווידל האָט, קיין עין־הרע, געגעסן אַ יאָיכל פֿון אַ פֿערטל עוף, און, אם־ירצה־השם, אױף מאָרגן איז ווידער פֿאַראַן אַ יאָיכל פֿון אַ פֿערטל עוף!... איין שטיקל חסרון נאָר — אָט דאָס הוסטן, וואָס ער הוסט נעבעך אַלע מאָל: קאַכי־קאַכי! קאַכי־קאַכי!... איך בעט דעם דאָקטער בעט איך, ער זאָל אים עפּעס געבן צום הוסט. זאָגט ער: „וויפֿל איז אַלט געווען דער מאַן מײַנער, משה־בנציון עליו־השלום, בשעת ער איז געשטאָרבן, און פֿון וואָס איז ער געשטאָרבן?"... „פֿונעם טויט, זאָג איך, איז ער געשטאָרבן, פֿונעם טויט. ס'איז אים אויסגעגאַנגען, זאָג איך, יאָרן, איז ער געשטאָרבן... וואָס איז דאָס פֿאַר אַ משל אַהערצוצו?"... „איך באַדאַרף דאָס וויסן, זאָגט ער, איך האָב באַטראַכט אײַער זון, איר האָט אַ ווילן זון, אַ געראָטענעם"... „אַ שיינעם דאַנק אײַך, זאָג איך, דאָס ווייס איך אַליין. איך

After God granted me the gift, made my son well again, Dovidel said to me, "Know what, mother? I've got regards for you from Father. Father came to visit me." Well, I felt the life go out of me and my heart pounding, *bam, bam, bam!* "Let him intercede for us," I said; "it's a sure sign you'll live long, God willing, and be well." That's what I said, with my heart going *bam, bam, bam!* It was only much later, quite a while afterwards, that I found out about the one dressed in white. He was, do you know who? . . . Well, guess, Rabbi. After all, you're a wise man! . . . Reb Lippa, that's who it was, Lippa the water-carrier! Just that day, see, he had to go and buy himself a new fur pelt, a white one yet. And since there was a burning frost outside, he decided he'd like to warm himself, so he stood there clapping one hand against the other. May my troubles come to rest on his head! Did you ever hear of such nerve? That a Jew should suddenly put on a white fur pelt, without rhyme or reason!

Now, what were we saying? Yes, you said, *health*. . . . Health, that's the main thing. That's what our doctor says. He told me I should give him pills (my Dovidel, that is), and cook broths, see, every day a broth, made from at least a quarter chicken. And if I can manage it, he said, I should also feed him with milk and butter, and with chocolate, too, he said, if I can manage *that*. A fine story—*if* I can manage it! Think, is there anything in the world I couldn't manage for my Dovidel? Just suppose, for some reason, they'd tell me, "Go Yente, dig the earth, chop wood, carry water, knead clay, rob a church, just for Dovidel." Would I find some excuse not to? I'd do it in a split second, even in the middle of the night, in the biggest frost! Look, he took a notion this summer (my Dovidel I mean) that he wanted certain books, prayer books probably. And since I go into the best houses, see, he asked me could I get him these books, or prayer books, and he wrote me down the books on paper. So I came and showed them the paper and asked for the books, or prayer books . . . once, twice, three times. They laughed at me. "Yente," they said, "why do you need such books? Do you feed the hens with them, or maybe the geese and ducks?" "Laugh, laugh," I thought to myself, "as long as my Dovidel has what to read." All night long, night after night, he looked through those books, or prayer books, and asked me to bring him more and more. Should I begrudge him? I brought those back and took others. And here that doctor came, the wise-guy—"Can you manage, for Dovidel's sake, to make a broth every day, from at least a quarter chicken?" Rabbi, if he'd said three quarters of a chicken, would I have tried to find a way out? Where in the world, I ask you, do such doctors come from? Where do they grow? What sort of yeast do they use to cook them up? What kind of ovens? . . .

What were we saying? Yes, you said *broth* . . . Every day I've made a broth for him (my Dovidel, I mean) from a quarter chicken, and in the evening, when he comes home from his studies, he eats and I sit opposite him with some work in my hands, and I feel just ready to burst with joy. And I pray to God, God should help me so that tomorrow, God willing, I'll be able to prepare another broth from a quarter chicken. Sometimes he'll say to me, "Mother, why don't you eat with me?" So I say, "Eat and be healthy. I ate already." So he says, "What did you eat?" "What I ate, I ate," I say, "so long as I ate. Eat well." And when he's done with studying the books, or prayer books, it's only then, see, that I'll take a couple of baked potatoes from the oven, or else I'll rub a piece of bread with onion, and make myself a feast. And I swear to you by all that's holy--I should only live so long and see my Dovidel happy—that I get more pleasure from that piece of onion than I'd get from the most delicious meal, because I remember that Dovidel (God preserve him) just ate a broth made from a quarter chicken, and tomorrow, God willing, there'll be another broth made from a quarter chicken.

Still, there's one little problem—that cough he coughs all the time, poor thing. I begged the doctor, see, to get him something for the cough. So he said (the doctor I mean), "How old was your husband when he died, and what did he die of?" So I said, "He died of death. His years ran out, see, and he died. What kind of comparison is that to this?" So he said, "I need to know it. I've examined your son," he said. "You have a

גיט מיר בעסער אַ רפֿואה צום הוסט גיט מיר, ער זאָל אויפֿהערן הוסטן
זאָל ער מיר"... „דאָס קאָן מען ניט, זאָגט ער, איר דאַרפֿט נאָר, זאָגט ער,
אַכטונג געבן, ער זאָל ווייניקער לערנען"... „וואָס דען, זאָג איך, זאָל ער
טאָן?" „ער זאָל עסן אַ סך, זאָגט ער. און גיין שפּאַצירן אַלע טאָג, און
דער עיקר — נישט זיצן בײַנאַכט איבער די ביכער. אויב עס איז אים
באַשערט, זאָגט ער, זײַן אַמאָל אַ דאָקטער, וועט ער נישט אָנווערן
שפּעטער מיט עטלעכע יאָר"... „וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט, טראַכט
איך מיר, יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר! עפּעס רעדט
ער נישט צו דער זאַך, טאַקע נאָר ווי אַ דולער רעדט ער! וואָס הייסט,
מײַן דווידל וועט זײַן אַ דאָקטער נאָר? פֿאַר וואָס זאָל ער בעסער ניט זײַן
קיין גובערנאַטאָר פֿאַר וואָס?"... קום איך צו גיין אַהיים און דערצייל
דאָס מײַן דווידלען דערצייל איך דאָס, ווערט ער רויט ווי פֿײַער און רופֿט
זיך אָן צו מיר: „ווייסטו וואָס, מאַמע? גיי נישט מער צום דאָקטער און
רייד נישט מיט אים"... „איך וויל שוין אַפֿילו, זאָג איך, זײַן פּנים נישט
אָנקוקן! איך זע דען ניט, אַז ער איז אַ חושים?"... אַ דאָקטער זאָל
דיר האָבן אַ מאָדנע טבֿע, ליב האָבן זיך אַרײַנלאָזן אין אַזעלכע דרכים,
נאָר אויספֿרעגן בײַם חולה: פֿון וואָס ער לעבט, און ווי אַזוי ער לעבט,
און וווּ נעמט ער אָפּ צו לעבן?... וואָס גייט דאָס דיך אָן? מע שענקט דיר
אַ האַלב קערבל? — נעם און פֿאַרשרײַב אַ רעצעפּט!...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם,
וואָס איר זאָגט: מען איז כּסדר פֿאַרטאָרעראַמט... אוודאי איז מען פֿאַר־
טאָרעראַמט און מע שלאָפֿט אין שלייער, אַז מע האָט אַ קאָשעס מיט
אייער, מיט עופֿות, מיט גענדז און מיט קאַטשקעס, און עטלעכע
נגידיתטעס אויף זיך, וואָס איטלעכע וויל פֿריִער, האָט מורא, טאָמער האָט
יענע אויסגעקליבן די בעסטע אייער מיט די שענסטע עופֿות. ווען איך
האָב צײַט, זאָגט שוין איר אַליין, קאָכן יאַיכלעך, אַז איך בין קיינמאָל
ניטאָ אין דער היים? נאָר אַ ייִד אַ למדן, ווי זאָגט איר, גיט זיך אַן
עצה: גאַנץ פֿרי, איידער איך קלײַב מיך אַרויס אין מאַרק, הייץ איך אײַן
אין אויוון הייץ איך, נאָכדעם כאַפּ איך מיר אַראָפּ אויף אַ מינוט און
זאַלץ־אויס דאָס פֿערטל עוף זאַלץ איך, און גיי אויף דער אַרבעט, און כאַפּ
מיך ווידער אַראָפּ און ניס־אָפּ דאָס פֿלייש ניס איך, און שטעלצו דאָס
טעפּל שטעל איך, און בעט זי, די שכנה מײַנע, גנעסען הייסט דאָס, זי
זאָל אַכטונג געבן אויפֿן טעפּל זאָל זי, דאָס הייסט, אַז דאָס טעפּל וועט

פֿאַרזידן, זאָל זי דאָס צודעקן מיט דער פּאָקרישקע און פֿאַרשאַרן מיט אַש
— אַ גרויסע אַרבעט, משטיינס געזאָגט! וויפֿל מאָל מאַכט זיך, אַז איך
קאָך־אָפּ פֿון אירטוועגן אַ גאַנצע וועטשערע? מען איז דאָך עפּעס ייִדן,
ווי איז מיר, מע זיצט דאָך צווישן מענטשן, ניט אין קיין וואַלד זיצט
מען!... און שפּעטער, אָפּגערנאַכט, אַז איך קום אַהיים פֿון דער אַרבעט,
צעבלאָז איך ערשט אַ פֿײַער צעבלאָז איך, און וואַרעם־אָן דאָס טעפּל, און
ער עסט אַ פֿריש יאַיכל עסט ער... וואָלט, דאַכט זיך, געווען גוט, איאָ?
איז דאָך אָבער מײַן שכנה, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, מחילה אַ גרויסע...
איך וויל ניט זאָגן וואָס... איז זי זיך מיישב הײַנט אין דער פֿרי און
שטעלט זיך אָוועק קאָכן פֿון אירע קינדערס וועגן אַ מילכיקן אָנבײַסן —
האַלעשקעס אָדער באַלאַבעשקעס מיט מילך. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאכל
באַלאַבעשקעס מיט מילך? און וואָס עפּעס פּלוצים אין מיטן מיטוואָך
שבת־צו־נאַכט? לאָז מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע! אַ מאָדנע ייִדענע
אָט די מעלניטשקע! בײַ איר איז אָדער יאָ, אָדער גאָרניט. דרײַ טעג קאָן
אַוועקגיין זאָל זי ניט צולייגן קיין פֿײַער אין אויוון, און פּלוצים קומט
איר אָן — זאָל זי נעמען אָנבויען אַ גאַנצע פּאָמוניצע, כּלומרשט אַ תּיר־
ושענעם קאַליש אָדער אַ קרופּניק, וואָס מע באַדאַרף אָנטאָן אַ פּאָר
ברילן, מע זאָל דאַרפֿן דערזען אַ חירושעלע, אָדער נאָר אַ טאָפּ מיט פֿיש־
קאַרטאָפֿלעס, וואָס די ציבעלעס לאָזן זיך הערן פֿאַר אַ מײַל און פֿונעם
פֿעפֿער, וואָס זי האָט אָנגעפֿעפֿערט, גייען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנץ
מעת־לעת, האַלטן אָפֿן די מײַלער און האָקן: הוא־הוא!...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם,
וואָס איר זאָגט: שלים־מזל... איז זיך מיישב די שכנה מײַנע און פֿאַרקאַ־
לאָטשעט באַלאַבעשקעס פֿון רעטשענע מעל און שטעלט־צו אַ קרינגל מיט
מילך שטעלט זי אין אויוון, סע זאָל אויפֿזידן, און צווישן די קינדער
אירע ווערט אַ שמחה, אַ גדולה, טאַטעניו! זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען
קיין ביסל מילך, אַפּנים. מאַלט אײַך, נישט מער זאָלן אונדזערע שונאים
פֿאַרמאָגן, וויפֿל דאָרט איז געווען מילך! אפֿשר צוויי לעפֿל, דאָס איבע־
ריקע וואַסער. נאָר בײַ אַזעלכע קבצנים, משטיינס געזאָגט, איז דאָס אויך
אַ זאַך!... דערווײַל טראָגט־אָן דער גוטער יאָר דעם שמש. עס ווײַזט
אויס, אַז עוזר האָט נאָך אין קלויז אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים בײַ
אים קאָכט זיך אַ גנידיישער אָנבײַסן קאָכט זיך, איז ער געקומען צו
פֿליִען מיט אַ ווערטל, ווי דער שטייגער זײַנער: „אַ גוט יום־טובֿ!"... „אַ

ווייסטער, אַ פֿינצטערער גוט יום־טובֿ אויף דיר, זאָגט זי, וואָס אַזוי פֿרי?"...
„איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאָמער, חלילה, פֿאַרשפּעטיק איך דאָ
אַ ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס בײַ דיר אין אויוון?"... „קדחת, זאָגט זי,
פֿון דײַנעטוועגן אין אַ קליין טעפּעלע"... „פֿאַר וואָס ניט, זאָגט ער, אין
קיין גרויסן טאָפּ, וואָלט שוין געווען פֿאַר אונדז ביידן?"... „אַ, פֿאַר־
כאַפּט זאָלסטו ווערן מיט דײַנע ווערטלעך!" — זאָגט זי אָנגעצונדן, און
נעמט דעם ראַהעטש און טוט אַ כאַפּ דאָס קרינגל. טוט זיך דאָס קרינגל אַ

fine son, a fine upstanding boy." "Thank you very much," I said, "that much I know myself. What you'd better give me, see, is a remedy for his cough so he'll stop coughing and coughing." So he said, "That can't be done. You just have to watch that he doesn't study so much." "What else should he do?" I said. So he said, "He should eat a lot, and go for a walk every day. And the main thing," he said, "he mustn't sit at night studying his books. If it's his fate to be a doctor someday, it won't do him any harm to wait a few years longer."

"What I dreamed last night," I thought to myself, "and tonight and every night of the year—may all my worst dreams! . . . But there's something fishy here. He's not talking straight. How come my Dovidel's to be a doctor, of all things? Why shouldn't he become something better, a governor, why not?"

So I went home, see, and told it all to my Dovidel. His face got red as a flame. "Do you know what, mother?" he said to me. "Don't go to the doctor any more, and don't talk to him." So I said, "I can't stand him already. Can't I tell he's a lunatic?" Imagine, a doctor with such habits—prying into a patient's life! "How do you live? From what do you live? Where do you get your living?" What's *his* business? Doesn't he get his half a ruble? Why can't he just take it and write the prescription? . . .

What were we saying? Yes, you said, *a chicken without a head* . . . Of course I run around like a chicken without a head! What else would you expect, with all I've got to worry about—eggs and hens and geese and ducks, and those rich ladies always on my back, each of them wanting to have first pick, each one trembling that maybe the others got the best eggs and fattest hens. I sleep in my street clothes! So when do I have time, tell me yourself, Rabbi, to cook a broth? I'm never at home! But as they say, if you set your mind on it you find a way. Very early, see, before I get off to market, I heat the oven. Then I rush back from the market for a minute to salt the quarter chicken, and then I'm off again to work. And rush back again, to rinse the meat and put on the cooking pot. Then I ask her, that lodger of mine (Gnessi, I mean), to watch my pot. That is, when the pot boils, she should cover it and rake over the ashes. Some big job! How often does it happen that I'll cook a whole supper for her? After all, we're Jews, God help us. We're among people, aren't we, not wandering in the desert! Then in the evening, when I come home from work, I blow up the fire, and warm up the pot, see, and a fresh broth is what he gets to eat (my Dovidel, I mean). So it seems everything's fine, right? But there's the lodger of mine, that big . . . No, I won't say it. Let not the word be spoken! This morning, of all mornings, she had to go and cook a dairy meal for her children—*halushkas*, or *balabeshkas* with milk. What got into her that she had to make *balabeshkas* with milk? Why all of a sudden this morning out of the clear blue? I should know so much about hard times! She's a strange bird, that flour dealer. With her it's all or nothing. Three days go by and she won't light a fire in the oven. Then suddenly, she'll get in the mood—start up a casserole pot with buckwheat *kasha*. That's what *she* says, but you've got to put on your glasses to see a speck of buckwheat. Or else she'll put on a soup of beans and barley, or a pot of fish-potatoes, and you can smell the onion a mile off, not to mention the pepper she peppered it with. After that, her children can go open-mouthed and empty-bellied for the next half a week, yowling "Hoo-ah! Hoo-ah!" . . .

What were we saying? Yes, you said, *schlimazel*. . . . She started in, that lodger of mine, and rolled out a dough of *balabeshkas* from buckwheat flour, and put a pot of milk to boil on the oven. And her children set up such a celebration, such cries of joy—my God! You'd think they'd never seen a drop of milk. Though mind you, all our enemies should earn as much, as there was milk in that pot! Maybe two spoonfuls, the rest water. But for such poor people, I guess, that's something, too. Meanwhile, guess who the wind blew in? The *shammes!* Oyzer must have sniffed all the way out there at his prayer-house that back here a royal feast was cooking. So he came flying home, with a wisecrack as usual: "Happy holidays!" "A miserable, a dark and bitter day to you!" she said. "Why so early?" So he said, "I was afraid. God forbid I should come late for the blessing! Tell me Gnessi, what's cooking there on the oven?" "The plague," she said, "in a little pot, especially for you." So he said, "Why not a big pot? It could be for both of us!" So she said, boiling mad, "Damn you with your wisecracks!" And she reached for the potholder to get the pot. Well, the pot turned

קער־איבער, און די מילך — פליוך איבערן גאנצן אויוון!... א גוואלד, א רעש, א געפילדער! גנעסע שעלט דעם מאן מיט טויטע קללות; זיין גליק, וואס ער האט זיך אפגעטראגן באצייטנס. און די קינדער נעבעך זיינען ארא פונעם אפן־אויוון און האבן געמאכט א געוויין מיט א געשריי, גלייך ווי מען האט זיי אפגעקוילעט טאטע־מאמע... א כפרה, זאג איך, אייערע באלאבעשקעס מיט מילך — מיין דווידלס יאיכל, האב איך מורא, איז יא פארפאלן, און דאס טעפל מיינס איז חלילה טרפה געווא־רן!"... "כאפט דער רוח דאס יאיכל אייערס מיטן טעפל, זאגט גנעסע מיינע באלאבעשקעס מיט מילך זיינען אפשר בא מיר אזוי טייער, ווי אייע־רע אלע טעפלעך. מיט אלע אייערע יאיכלעך, וואס איר קאכט פון אייער־קדיש ווענן!"... "ווייסט איר וואס, זאג איך, זיין זאלט איר אלע די כפרה פאר מיין דווידלס מינדסטן נאגל פונעם קלענסטן פינגערל!"... "ווייסט איר וואס, זאגט זי, זיין זאל דווידל די כפרה פאר אונדז אלעמען, עד איז איינער!"... וואס זאגט איר אף אזא הולטאיקע? איז זי ניט ווערט גע־ווען, מע זאל איר צעפאטשן די פיסקעס מיט א נאסער האנטשירקע?...

— יא, אקעגן וואס איז דאס געקומען צו ריידן? אקעגן דעם, וואס איר זאגט: פון מילכיקס מיט פליישיקס אין איין אויוון קאן קיין גוטס ניט ארויס... האט זיך דאס קרינל, הייסט דאס, געשטעלט פאפעריק, און די מילך — הוץ איבערן גאנצן אויוון. האב איך מורא, טאמער, חלילה, האט זיך דאס אנגערירט אן מיין יויך־טעפל, בין איך א פארפאלענע בין איך! כאטש אפילו, צוריס שמועסנדיק, ווי קומט די מילך צו מיין טעפל, אז מיין טעפל איז געשטאנען פאררוקט אין אש העט־העט אין א ווינקעלע? נאר אויך די איטצענע מעשה, איך קאן ערב זיין? א קשיה אף א מעשה! מיין פינצטער מזל! טאמער?... איך וועל אייך זאגן דעם רעכטן אמת וועל איך אייך: מילא, דאס יאיכל ווי דאס יאיכל; עס טוט מיר אוודאי הארצעדיק באנג, וואס וועט ער נעבעך עסן, דווידל? נאר מסתמא וועל איך שוין עפעס צוטראכטן פון זיינעטוועגן מסתמא; איך האב נעכטן געבראכט געגנדז פון דער שחיטה, געמאכט אבערעקעס אף צו פארקויפן, איז מיר פארבליבן א ביסל דרויב אף שבת: קעפלעך, קישקעלעך, דאס, יענס — מען קאן שוין עפעס מאכן דערפון! איז מיר אבער שלעכט — איך האב נישט קיין טעפל האב איך נישט. איך האב מורא, טאמער מאכט איר מיר טרפה דאס טעפל, בין איך געבליבן אן א טעפל, און אן א טעפל בין איך ווי אן א האנט בין איך, ווארעם איך האב אינגאנצן איין טעפל. דאס הייסט, האבן האב איך געהאט דריי טעפלעך פליישיקע, האט בא מיר גנעסע, אף קיין גוט ארט זאל זי אייך נישט שטיין, איינמאל אנטליען א טעפל, א שפאגל־נייע טעפל, און גייט און גיט מיר אפ א שטשערבאטע טעפל. זאג איך צו איר: "וואס איז דאס פאר א טעפל?"... זאגט זי: "ס'איז אייער טעפל"... זאג איך: "ווי קומט צו מיר א שטשערבאטע טעפל, אז איר האט בא מיר גענומען א גאנץ טעפל?"... זאגט זי: "שאט, שרייט ניט אזוי, מע ווערט פון אייך ניט גליקלעך! ערשטנס, האב איך אייך אפגעגעבן א גאנץ טעפל; צוויי־טנס, אז איך האב בא אייך גענומען דאס טעפל, איז דאס געווען אן אנגעשטשערבעט טעפל; און דריטנס, האב איך בא אייך קיינמאל נישט גענומען קיין טעפל, איך האב מיר מיין טעפל, און טשעפעט זיך אפ פון מיין לעבן!"... א הולטאיקע קאן!...

— יא, אקעגן וואס־זשע איז דאס געקומען צו ריידן? אקעגן דעם, וואס איר זאגט, אז טעפלעך אין בעל־הבתישקייט איז קיינמאל נישט צו פיל... בין איך, הייסט דאס, ווי איר זעט, געבליבן בא צוויי טעפלעך גאנצע טעפלעך און איין טעפל א שטשערבאטע טעפל, דאס הייסט, צוויי טעפלעך... נאר ווי טאר אן ארעמאן האבן צוויי טעפלעך? באדארף זיך מסתמא טרעפן אזוי, אז איך קום איינמאל צו גיין פונעם מארק מיט די עופות קום איך, בינדט זיך אפ אן עוף און דערשרעקט זיך פאר דער קאץ... וועט איר פרעגן: ווי קומט אהער א קאץ? אלץ זי מיט אירע קדישים! דער־טאפן זיי ערגעץ א קעצל, מוטשען זיי דאס אזוי לאנג, ביז זיי פארמוטשען דאס. "א צער בעלי־חיים! — טענהט מיט זיי מיין דווידל — א לעבע־דיקע זאך!"... נאר גיי רייד מיט אזעלכע היצעלס, ליידיקגייערס, פוסטע־פאסניקעס!... בקיצור, זיי האבן עפעס אנגעהאנגען דער קאץ אפן שפיץ ווידל, האט זי אנגעהויבן שפרינגען, מאכן אנשטעלן, האט זיך דאס עוף דערשראקן און איז ארויפגעפלויגן גלייך אף דער אויבערשטער פאלי־צע — און טראך א טעפל אין דער ערד אריין! איר מיינט אפשר — דאס שטשערבאטע טעפל? אוודאי־יא, ס'פארשטייט זיך! אז ברעכן, וועט זיך ברעכן א גאנץ טעפל! דאס איז שוין תמיד אזוי, פון זינט די וועלט איז א וועלט!... איך האב געוואלט וויסן האב איך געוואלט, פאר וואס איז דאס, למשל: צוויי מענטשן גייען, דער גייט און דער גייט; איינער איז א בן־יחיד, איין־און־איינציקער, א ציטעריקער בא דער מאמען, און דער אנ־דערער איז . . . רביניו! גאט איז מיט אייך! וואס איז אייך אזעלכס?... רביצין! רביצין! ווו זייט איר ערגעץ?... אהערצו גייך! ניכערט! דער רב איז עפעס נישט מיט אלעמען! ניט גוט געווארן... אפנים, אף צו חלשן!... וואסער! וואסער!...

געשריבן אין יאר 1901

over, and the milk—splash! all over the oven! What shrieks and screams! Gnessi was cursing her husband with deadly curses - lucky for him he managed to slip out fast—and the children were yowling as if someone has just killed their father and mother. "A curse on *balabeshkas* with milk," I said. "What if the broth's spoiled? The milk, God forbid, might have made my pot *treyf!*" So she said, "The devil take you, together with your broth and your pot! Maybe my *balabeshkas* with milk," she said, "are just as precious to me as all your pots and all the broths you cook for that precious son of yours!" "I'll tell you what," I said. "May you all be sacrificed for the smallest fingernail from the smallest finger of my Dovidel!" So she said, "I'll tell *you* what. Your Dovidel should be sacrificed for all of us—he's only one!" What do you say to a slut like that? Shouldn't she have her mouth slapped shut with a wet towel? . . .

What were we saying? Yes, you said, *from dairy and meat on the same oven, no good can come*. . . . So there was the pot, see, upside-down, and the milk spilled all over the oven. Rabbi, I'm afraid that (God forbid) it may *just* have touched my pot, and then I'm a lost soul! Come to think of it, though, how could the milk have reached it? My pot was standing there in a far corner, shoved away somewhere at the opposite end of the oven. But it's the old story—the chicken or the egg? Anything's possible; how can I be sure? Just my rotten luck! What if. . . ? Rabbi, I'll tell you the honest truth, see. Never mind the broth. A broth is a broth. Of course, it breaks my heart—what will Dovidel eat, poor thing? But I'll probably think up something, probably. Yesterday, I bought some geese at the market, made some roasts to sell, so there are a few giblets left for Saturday—heads, innards, this, that. You can make *something* from it! But woe is me, Rabbi, how *can* I, if I don't have a pot? I'm afraid if you say the pot is *treyf*, I'm left without a pot, see; and without a pot, it's like I'm without a hand, because I've only got one pot. That is, as for pots, I used to have three meat pots. But then Gnessi (may she sink into the earth) once borrowed a pot from me, a brand new pot, and then she goes and gives me back a crippled pot. So I said to her, "What kind of pot is this?" So she said, "It's your pot." So I said, "How come I get back a crippled pot when I gave you a brand new pot?" So she said, "Shut it. Don't yell like that, who needs your things? First of all, I gave you back a brand new pot. Second, the pot I took from you was a crippled pot. And third, I never even took a pot from you. I have my own pot, so get off my back!" There's a slut for you! . . .

Now, what were we saying? Yes, you said, *no such thing as having too many pots*. . . . There I was, see, left with two pots, two good pots I mean, and one crippled pot. Two pots. But how can a poor person dare to have two pots? It must have been decreed in heaven that when I came home today from the market with two hens, one hen should get loose and be scared by the cat. I bet you're wondering how a cat got into this. It's *her*, Gnessi and her brats! They got their grimy hands on a cat somewhere, so day and night they torture it to death. "It's a pity," my Dovidel keeps telling them, "a shame and a pity! That's a living thing!"

But try and argue with such rotten, no-good do-nothings. To make a long story short, they tied something to the cat's tail, and she started jumping (the cat I mean), doing cartwheels, standing on her head. So the hen got scared and flew right to the top shelf, and crash, a pot gone to hell! Do you think it was the crippled pot? Of course, what else! If something's got to break, count on it, it'll be the good pot! That's the way it's been since the world began. What I'd like to know, see, is why that is. For example, two people go along, this one goes along and that one goes along. One is an only son, a one-and-only, his mother trembles over him. And the other . . . Rabbi, God be with you! What's the matter with you?. . . *Rebbetsen!* What are you hiding for? Quick, get over here! Hurry up! The Rabbi looks sick! Looks like he's going to faint! . . . Water! *Water!*. . .

Translated by Sacvan Bercovitch